בס"ד

גליון
# שיחתי

שיעורי הרב
משה יצחק
אויסטערליץ
שליט"א

קצט
**נצו"י** תשפ"ו


# די שפעטסטע שבת פונעם יאר

## 'זעהן' די זיסקייט פון 'נצבים'

אז ס'קומט אויס די ביידע פרשיות צוזאמען, **נצבים וילך**, (וואס קומט אויס אז דעם יאר תשפ"ו וועט דאס שוין זיין די "צווייטע" **וילך**), קען מען מתפלל זיין צום אייבערשטן, און טרעפן א שיינע מליצה אין די הארציגע קאפיטל וואס מ'זאגט יעדן טאג צוויי מאל אין די ימי הרחמים והרצון, אין די ווערטער "**שבתי בבית ה' כל ימי חיי לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו**". א כוונה בדרך רמז אז מ'זאל האבן די זכיה אביסל אריינצוקוקן אין די לעכטיגקייט סיי פון **פרשת נצבים** און סיי פון **פרשת וילך**.

דער הייליגער **בת עין** שרייבט אז די גאנצע כח פון ראש השנה ליגט אין די מדה פון **אפים**, אז דער אייבערשטער איז מאריך אף, און געבט א געלעגנהייט תשובה צו טון. זאגט דער בת עין אז די ענין פון די מדה פון **אפים** ליגט אין די ווערטער "**נועם ה'**", ווייל אין די קאפיטל לדוד ה' אורי איז דא דרייצן מאל דעם אייבערשטנ'ס נאמען, וואס דאס איז מכוון קעגן די דרייצן מדות של רחמים. און ס'קומט אויס אז די פיפטע מדה פון אפים, וואס דאס איז אונזער עיקר כח אין די זמן פון ראש השנה, איז די פיפטע ה' אין די קאפיטל איז "נועם ה'". זאגט דארטן דער הייליגער בת עין אז **נצבים** איז די גימטריא "**נועם ה'**". און ער שמועסט עס אויס די גאנצע ענין, על פי דרכו בקדש.

לעניננו בדרך רמז, בעטן מיר דעם אייבערשטן אז מיר זאלן זוכה זיין **לחזות**, צו קענען **זען** עפעס **בנועם ה'**, אין די העכערקייט, עפעס א פנימיות'דיגע ענין אין **פרשת נצבים**.

און אז מיר ווען ענדיגן מיט פרשת נצבים, וועלן מיר זיך פרובירן אריבערצוקוקן צו די צווייטע פרשה, **ולבקר בהיכלו**. די ווארט "**היכלו**" האט דאך די אותיות "**וילך**", וועלן מיר פרובירן צו **באזוכן** אויך אביסל אין **פרשת וילך**, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף, דורך ביידע פרשיות טרעפן אביסל די ענינים וואס פאסט זיך פאר אזא לעכטיגע זמן, **די שפעטסטע שבת פון יאר, וואס מיר קענען יעצט מעלה זיין אלע שבתות**, ווי ס'שטייט אין די ספרים הקדושים.

אז מיר האלטן די שפעטסטע שבת פון יאר, גרייטן מיר זיך דאך אויף די קומענדיגע תשרי, וואס די יאר וואס קומט אונז אנטקעגן שטעלט זיך אויס אז אלע **ימים טובים** זענען צוזאמען מיט'ן שבת. **ראש השנה**, **סוכות**, **שמיני עצרת**, וואס איז דאך אלץ **חל בשבת קודש**. און מיר זעען אין די ספרים הקדושים אז ווען די ימים טובים זענען חל בשבת, זענען זיך די השפעות פון אלע מצוות פון די יום טוב זיך משלים צוזאמען מיט "די כח פון שבת". קען מען אפשר זאגן א כוונה. אין די רש"י אנפאנג פרשת נצבים, ווי רש"י לערנט אונז אויס ווי אזוי מ'גייט צו צו א יום טוב שחל בשבת, א יסוד גדול וואס משה רבינו זאגט דאן פאר די אידישע קינדער ווי אזוי מ'גייט צו צו אזא סארט ענין.

## די פחד פון די "חסר שתים"

רש"י הייבט אן אז די אידישע קינדער זענען געווען זייער דערשראקן, **הוריקו פניהם**, ווייל זיי האבן געהערט די תוכחה פון פאריגע וואך, **מאה קללות חסר שתים**. האט משה רבינו זיי בארואיגט דער אייבערשטער חס ושלום וועט נישט צולאזן ס'זאל קומען צו א כליה, נאר עס זעעט דאך, **אתם נצבים היום**, עטס אלע שטייט דא היינט מיט א שטארקייט פאר'ן אייבערשטן, חס ושלום אז דער אייבערשטער זאל ענק ברענגען אזעלכע שרעקעדיגע עונשים.

די לשון וואס רש"י נוצט אז אידן האבן געהערט **מאה קללות חסר שתים**, פשטות מיינט רש"י צו זאגן **אכט און ניינציג**. לויט דעם איז פשט אז די אידן האבן זיך דערשראקן פון די אכט און ניינציג קללות וואס שטייען אין די פסוקי התוכחה. אבער אויב אזוי וואלט דאך רש"י געקענט זאגן פשוט **שמונה ותשעים**. אלא מאי, אז רש"י האט זיך באנוצט מיט א לשון **מאה קללות חסר שתים**, קען זיין אז ס'ליגט אין די רש"י אן אנדערע כוונה.

על פי דברי קדשו פונעם הייליגן **חתם סופר**, (מיר וועלן באלד זען פונקטליך וואס דער חתם סופר זאגט,) קען מען לערנען אין רש"י אן אנדערע כוונה, וואס לויט דעם איז פשט פונקט פארקערט, אז די אידן האבן **נישט** מורא געהאט אזוי ווייט פון די **אכט און ניינציג**. זיי האבן **נאר** מורא געהאט פון די "**חסר שתים**". וואס איז פשט?

אין די תוכחה פון פרשת כי תבוא איז טאקע דא אכט און ניינציג קללות, אבער צו דעם איז דא נאך "צוויי" וואס הייסן נישט אזוי ווייט בפרטות ארויסגעזאגט, ווייל ס'שטייט "גם כל חלי וכל מכה אשר לא כתוב בספר התורה הזאת" וועט אויך קומען. די אידן האבן געטראכט אז פאר די אכט און ניינציג האבן זיי נישט אזוי מורא, ווייל אויף די אכט און ניינציג איז דא פארשידענע עצות וואס מ'קען טון צו ממתיק זיין די קללות. די עיקר האבן זיי זיך געזארגט פאר די "חסר שתים", די צוויי וואס זענען אזוי ווי ארויס פון די חשבון, זיי זענען עפעס נישט נכלל געהעריג אין די אכט און ניינציג, **פון דעם האבן זיי מורא געהאט** וויאזוי וועט מען ממתיק זיין די שרעקעדיגע ענין פון "גם כל חלי וכל מכה", און אויף דעם האט זיי משה רבינו געדארפט מחזק זיין.

לאמיר פרובירן צו פארשטיין פון וואס האבן די אידן געהאט א בארואיגונג אויף די **אכט און ניינציג**, און לויט דעם אפלערנען פארוואס אויף די **צוויי** האבן זיי זיך יא דערשראקן. און אויב אזוי, מיט וועלכע חידוש האט זיי משה רבינו מחזק געווען מיט די ווערטער "**אתם נצבים היום**"? (די כוונה וואס מ'זאגט יעצט איז ספעציעל פאסיג פאר **ליל הושענא רבה**, דעמאלטס לויפט מען דאך איבער די גאנצע משנה תורה, מיט די אלע פסוקים פון די תוכחה, "דעמאלטס" וועט זיך עס נאך שטארקער ארויסברענגען די ענין וואס מ'שמועסט יעצט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף.)

א באקאנטע **רש"י** סוף **פרשת פנחס**, אויף די חשבונות פון די **קרבנות** פון גאנץ **יום טוב סוכות**, און די **זיבעציג פרים** זאגט דאך שוין די גמרא, דאס איז א סימן כליה פאר די אומות העולם. ווייל די **פרי החג** זענען **מתמעטים והולכים**, אבער די **אכט און ניינציג שעפסעלעך** וואס איז געווען יום טוב סוכות, (יעדע יום טוב איז מען מקריב נאר **זיבן** כבשים, אבער סוכות איז מען יעדן טאג מקריב **ארבעה עשר כבשים**,) איז געווען א מספר וואס איז געבליבן פעסט. קיין איין טאג פון סוכות ווערט נישט ווייניגער די מספר הכבשים. דאס איז מרמז אויף **אידישע קינדער**, וואס אידישע קינדער בלייבן פעסט אין יעדן מצב, זיי וועלן חס ושלום גייען קיינמאל נישט צו גרונד. און אויך אידישע קינדער זענען זיך צוגעגליכן צו א שעפסעלע, **שה פזורה ישראל**. און וועגן דעם האט מען מקריב געווען יום טוב סוכות, **אכט און ניינציג כבשים**, זאגט רש"י, צו מעגן זיין פון די **אכט און ניינציג קללות** שבמשנה תורה.

קומט אויס אז ווען מ'האט די זיבן טעג פון יום טוב סוכות, (היינטיגע צייטן דערווייל איז עס **ונשלמה פרים שפתינו**, מ'איז משלים די כח הקרבנות מיט ליינען די פסוקים און מיט דאווענען מוסף,) האבן מיר דאך א באשיצונג אויף די אכט און ניינציג קללות. ממילא, אז די אידן האבן **געוואוסט דעם סוד**, אז יום טוב סוכות האט מען א הגנה האבן זיי זיך נישט אזוי דערשראקן. ס'איז טאקע זייער שרעקעדיג צו הערן אזא תוכחה, אבער אונז "האבן דאך עפעס פאר דעם". נאר וואס דען, די אידן האבן געהערט מאה קללות **חסר שתים**, וואס איז נישט נכלל די אכט און ניינציג, פון דעם האבן זיי זיך דערשראקן, ווייל מער שעפסעלעך האבן זיי שוין נישט. וויאזוי וועט מען זיך אן עצה געבן מיט די צוויי צוגעלייגטע?

פארשטייען מיר זייער גוט אז זיי האבן מורא געהאט פון די צוויי צוגעלייגטע, ווייל קעגן דעם האבן זיי נישט קיין **סוכות'דיגע שעפסעלעך**. אויב אזוי, מיט וואס האט משה רבינו מחזק געווען?

האט משה רבינו געזאגט, אתם נצבים היום. מ'דארף זיך מתבונן זיין אין די ענין פון **היום**. וואס טייטש "היום"? "היום" טייטשט לויט די בחינה אזוי: אז ס'קומט א טאג, ווען עס איז דא "**א ספעציעלע הארה פון קדושה**," איז עס נישט א "פרט" אין דעם טאג, ס'איז נישט א "פעולה" וואס מ'טוט "אין" דעם טאג, **נאר די גאנצע טאג ווערט איין גרויסע מצב פון העכערקייט**, און "אלעס" וואס מ'טוט אין דעם טאג, אפילו זאכן וואס מ'טוט אויך אין אנדערע זמנים, אבער היינט באקומט עס די כוחות, די כאראקטער, און די פנימיות'דיגע השפעה פון אלעס אנבאלאנגט צו דעם טאג.

אזוי ווי די ספרים הקדושים ברענגען עס ארויס לגבי די הייליגע טעג, אז די אלע פשוט'ע תפילות וואס מ'דאווענט א גאנץ יאר, מ'איז מער רגיל צו דעם, און בדרך הטבע האט עס נישט די התעוררות פון די ספעציעלע צוגעלייגטע תפילות פון די הייליגע טעג. אבער ס'איז נישט אזוי, ווייל אין די הייליגע טעג ווערט אלעס "הייליגע טעג'דיג." ס'ווערט פון יעדע שטיקל דאווענען אזא גרויסע עבודה און התעוררות, ווייל "**ס'איז די הייליגע טעג**". דאס איז די יסוד פון "היום", די טאג איז גורם, **די טאג נעמט אריין אלעס פון דעם טאג**, און אלעס ווערט אזוי אנגעקלעבט, **אלעס ווערט דורכגעווייקט מיט די השפעות פון דעם טאג.**

ווי די **גמרא** זאגט אין **מסכת זבחים** לגבי די קרבנות, אז א קרבן אין א געוויסע זמן, אפילו דער קרבן איז נישט דווקא פון דעם היינטיגן זמן, העלפט די קדושת הזמן אז דער "קרבן ווערט אנדערש".

לויט דעם וועלן די אידן זיך מתבונן זיין, ס'איז דא טאקע דער קרבן מוסף

אין סוכות, איז סך הכל יעדן טאג **פערצן כבשים**, און אלעס צוזאמען איז **אכט און ניינציג**. אבער אז סוכות איז זיבן טעג, איז דאך נישט שייך אז ס'זאל נישט זיין א שבת אינצווישן. די שבת'דיגע מוסף איז דאך גאר א קליינע מוסף, "**וביום השבת שני כבשים**". האבן מיר דאך **צוויי שעפסעלעך** וואס מ'גייט אויך מקריב זיין אין סוכות, באמת זענען זיי דאך "שבת'דיגע" שעפסעלעך. פשוט טראכט מען נישט אז דאס ארבעט אויך מיט די **גאנצע מערכה** פון די **כבשים** אין **יום טוב סוכות**. דאס איז אלץ נאר 'פאר' מ'איז זיך מתבונן אין די "היום", אז דער טאג נעמט אריין אין זיך אלעס אונטער די השפעה. אבער מ'גייט מיט די כח פון "היום", פארשטייט יעדער איינער אז א **שבת'דיגע מוסף** וואס איז אין סוכות איז א **סוכות'דיגע מוסף**. (אין דעם ענין זענען דאך אויך דא די לומדות'דיגע חלקים, ווי די גמרא זאגט לגבי די מחיצות, אז עפעס וואס איז א דופן לענין סוכה, הויא דופן לענין שבת, און די זעלבע זאך פארקערט, הויא דופן לענין שבת, הויא דופן לענין סוכה, אז שבת וואס טרעפט זיך אריין אין סוכות ווערט עס אן אנדערע מין שבת, **די גאנצע שבת איז איין שטיק סוכות**.) ממילא אויב מ'האט שוין די **צוויי כבשים** וואס מ'וועט יעדע יאר האבן, האט מען דאך יא אפילו קעגן די חסר שתים. אויב אזוי דארף מען נישט זיין דערשראקן.

האבן מיר בס"ד זייער א "זיסע מהלך", די שרעק פון די אידן איז געווען פון די חסר שתים. און די חיזוק איז געווען, און מיר וועלן טרעפן נאך צוויי, מיר וועלן עס טרעפן אין די **שבת שבסוכות**, אבער דאס צו ארויסהאבן דארפסטו גיין מיט די יסוד פון **אתם נצבים היום**, וואס דער "טאג" האט אין זיך אזא כח אז אלעס וואס איז אין דעם טאג גייט מיט דעם מיט.

## דעם תהלים'ל מיט די אוד פון ראש השנה

דעם ענין וואס מ'האט דערמאנט אז ס'איז דא די חלק התפלות וואס איז א הוספה אין די הייליגע טעג, אנדערש ווי געווענליך, אבער ס'איז דא די זאכן וואס מ'איז א גאנץ יאר פארנומען מיט דעם, אבער אין די הייליגע טעג באקומט עס א שטערקערע משמעות. וועלן מיר רעדן אביסל פון די ענין פונעם תהלימ'ל. מ'זעט שוין אין **מטה אפרים**, אז פון אנפאנג חודש אלול איז מען מרבה באמירת תהלים. ס'קומט אלץ סליחות, איז דאך די מנהג אויסצוזאגן גאנץ תהלים, במקורו איז דאס א בעלזער מנהג. און בכלל, אין די טעג וואו מ'געבט זיך א דריי איז מען אלעמאל מיט די תהלימ'ל אין די האנט.

ס'קען אפשר זיין א זייטיגע נקודה, וואס די תהלימ'ל איז אזא גרויסע מחותן אין די הייליגע טעג. חוץ די פשוטע כוונה אז די תהלימ'ל איז דאך די פלאץ וואו אידישע קינדער קענען זיך אלעס אויסבעטן. קען אפשר זיין אז די תהלים איז אויך א שטיקל "פשרה" אין אן ענין וואס מ'קען נישט בשלימות מקיים זיין אין ראש השנה און יום כיפור, אבער מיט'ן תהלימ'ל קען מען עס יוצא זיין.

דער הייליגער **חתם סופר** אין א **דרשה כ"ז אלול**, לערנט א זייער אינטערעסאנטע פשט אין די באקאנטע גמרא אין מסכת ראש השנה און מסכת ערכין: די מלאכי השרת פרעגן, פארוואס זאגט מען נישט קיין **הלל ראש השנה** און **יום כיפור**? און די תשובה אויף דעם איז, אז ס'קענען דען זיין **ספרי חיים וספרי מתים** זענען **פתוחין לפניו**, זאל מען גיין זאגן הלל? און די פשוט'ע פשט די גמרא מיינט דאך צו זאגן, אז מ'עפנט דאך אויף "ספרים," און יעדער מענטש איז אזוי דערשראקן, ער ווייסט נישט צו מ'וועט אים אריינשרייבן אין די ספרי חיים אדער חס ושלום אין די אנדערע. און פון גרויס שרעק, ווי קען מען נעמען די קוראזש צו גיין זאגן הלל?

אבער דער חתם סופר איז נישט צופרידן מיט די פשוט'ע פשט אין די גמרא, ווי ער איז מדייק פון א פסוק אז מ'דארף זאגן הלל ראש השנה, אלץ **הודאה על העבר**. ס'איז דורכגעגאנגען א גאנץ יאר, און **מ'דארף דאך דאנקען דעם אייבערשטן אויף אלע חסדים פון די געוועזענע יאר**. אפילו לאמיר זאגן אז אויף די קומענדיגע יאר איז מען זייער דערשראקן, און מ'פילט נאכנישט צו זאגן הלל, ווער ווייסט, דער אייבערשטער זאל אפהיטן, וואס גייט קומען? אבער ווי קען א איד זיך מונע זיין פון לויבן דעם אייבערשטן אויף אלע חסדים וואס זענען ביז יעצט דורכגעגאנגען?

ס'איז טאקע די טבע אסאך מאל פון מענטשן, אויך פון **בעלי דרשנים און מגידים**, אז ווען מ'וויל שטארק מעורר זיין די הערצער אז מ'זאל שטערקער מתפלל זיין ראש השנה, דערמאנט מען אלע "צרות" וואס איז געווען א גאנץ יאר, און מ'ברענגט ארויס אז די אלע צרות האט מען דן געווען פאר יאר ראש השנה, אז מ'זאל כאפן עד היכן הדברים מגיעים, ווי טיף עס גייט די תפילות פון ראש השנה. אבער לויט ווי דער הייליגער חתם סופר טענה'ט, איז נישט ריכטיג צו גיין 'נאר' מיט דעם מהלך. אפשר איז דאס אויך וויכטיג פשוט לעורר הלבבות, אבער מ'דארף גיין אוודאי מיט די אנדערע מהלך. מ'דארף **איבערטראכטן אלע חסדים** וואס ס'איז דורכגעגאנגען א גאנץ יאר. און אויב מ'זעט עס נישט גענוג קלאר, דארף מען עפענען די אויגן און זיך מתבונן זיין בכל פרט ופרט. און אפילו ווען מ'הערט צרות, קען מען זיך מתבונן זיין אז די אלע אידן וואס זענען צוריקגעהאלטן געווארן פון מיטמאכן די אלע צרות וואס זאל נישט זיין, איז דאס אליינס א סיבה צו דאנקען דעם אייבערשטן יעדער איינער פאר זיך. איז **סוף יאר א חיוב צו זאגן הלל על העבר**.

ס'שטייט טאקע אין פסוק אין קאפיטל ס"ה, "**עטרת שנת טובתך**", גייט ארויף אויף די געוועזענע יאר, ענדיגט מען דארטן צו "יתרועעו אף ישירו". "**יתרועעו**" - מ'דארף מתפלל זיין אויף די נייע יאר, אבער מ'טאר נישט פארגעסן **"אף ישירו"** - מ'דארף אויך זאגן, זינגען, לויבן דעם אייבערשטן אויף די פארלאפענע יאר.

וועגן דעם טענה'ן די מלאכים אז פארוואס זאגט מען נישט קיין הלל ראש השנה צו לויבן דעם אייבערשטן אויף

די אלע חסדים וואס זענען געווען אין די "פריערדיגע" יאר?

וואס איז די תשובה אויף דעם? די תשובה אויף דעם איז "ספרי חיים וספרי מתים פתוחין לפניו". לערנט דער חת"ם סופר אז ס'מיינט צו זאגן אז יעדער מענטש, ווען מ'איז אים דן, ברענגט מען מיט מיט אים די **גאנצע קשר וואס ער האט צו זיינע פריערדיגע דורות**. מ'איז דן דעם מענטש לויט זיין שורש וואס ער איז מקושר צו זיינע עלטערן, ארויף, ארויף, ארויף. אלעס צוזאמען איז מען צוזאמען דן. דער חתם סופר איז מסביר אז פאר א רשע, פון איין זייט איז עס אביסל א לימוד זכות, אז וואס ווילסטו פון אים אז ער האט געזינדיגט? ער האט דאך א שורש של רשעים, ממילא האט ער געהאט די עלטערנס כוחות וואס האבן אים געצווינגען צו זינדיגן, די זעלבע זאך ביי צדיקים, ביי אידן וואס זענען יא ערליך, אויב מ'דערמאנט די אלע זכותים פון די אבות, ברענגט עס ארויס אז ס'איז נישט אזא מורא'דיגע התפעלות פון זיינע מעשים, אז ער האט געהאט צוהו אבותיו, און איינער וואס האט נישט געהאט אזעלכע גרויסע עלטערן, און דאך האט ער זיך געשטארקט, איז עס א גרעסערע לימוד זכות. אזוי קוקט מען אויף יעדן מענטש, מ'נעמט מיט זיינע עלטערן צוזאמען מיט אים, און מ'איז אלעס דן צוזאמען.

אויב מ'נעמט מיט די עלטערן צוזאמען ביים משפט'ן, דארפן דאך די **נישט לעבעדיגע נשמות אויך מתפלל זיין ראש השנה**. זאגט דער **חתם סופר**, מ'טרעפט אזא זאך אז נישט לעבעדיגע "דאווענען" צום אייבערשטן, אבער מ'טרעפט נישט אזא זאך אז נישט לעבעדיגע זאלן "לויבן" דעם אייבערשטן. מ'דארף מחלק זיין צווישן **תפלה** און **הלל**. תפלה טרעפט מען יא ביי די נשמות וואס לעבן שוין נישט, אבער דער ענין פון הלל, זאגט דאך דער פסוק, "לֹא הַמֵּתִים יְהַלְלוּ יָהּ". איז ממילא דער פשט איז אזוי: וואלטן אונז געשטאנען ראש השנה און געדאווענט, און ס'וואלט געווען נאר אונז אליינס זענען די וואס דאווענען, אן קיין פארבינדונג מיט די אבות, מיט די עלטערן אין די פריערדיגע דורות, אוודאי **וואלט מען גערארפט זאגן הלל צו לויבן דעם אייבערשטן אויף די אלע חסדים וואס איז דורכגעלאפן די פאריגע יאר**, אבער וויבאלד אונז **דאווענען נישט אליינס**, בשעת'ן דאווענען ארבעטן אונז צוזאמען מיט די אנדערע אפטיילונג, מיט די נשמות שבגן עדן, און זיי קענען דאך נישט זאגן "הלל". קענען אונז נישט זיי אויסשפילן אינמיטן דאווענען און זיי זאלן פארלירן די המשך. מ'קען דאך נישט מאכן אז זיי זאלן ארויספאלן פון די המשך התפלה. האט מען נישט קיין ברירה, און מ'קען נישט זאגן הלל פשוט ווייל זיי קענען נישט מיטזאגן.

ממילא טייטשט ער אזוי. די מלאכים פרעגן, פארוואס זאגט מען נישט קיין הלל צו לויבן דעם אייבערשטן אויף אלע חסדים? ענטפערט דער אייבערשטער זיי צוריק, אויב ס'איז **ספרי חיים** און **ספרי מתים**, ס'מיינט די געשטארבענע וואס זענען שוין לאנג געשטארבן, זענען **פתוחין לפניו**, מ'איז דן צוזאמען די מענטשן אויף די וועלט צוזאמען מיט די דורות פריער, קען מען נישט זאגן קיין הלל, ווייל "זיי" קענען עס נישט זאגן. און אז זיי קענען עס נישט זאגן, קענען "מיר" עס נישט זאגן. ווי למשל, א ציבור אידן ווען ווען זאגן צוזאמען אז א געוויסע **פיוט** אדער א **תפלה**, אויב האלב פון די בית המדרש האט נישט אין זייער מחזור דעם תפלה אדער דעם פיוט, קען מען עס נישט זאגן, ווייל וואס וועט די אנדערע האלב בית המדרש טון? אזא מין בחינה מיינט די גמרא, אונז דאווענען מיר נישט אליין, אונז דאווענען מיר צוזאמען מיט די ספרי מתים, און זיי קענען נישט זאגן קיין הלל, קענען מיר אויך נישט זאגן.

פירט אויס דער הייליגער **חתם סופר** מיט א טייטש אז **דוד המלך**, ווען ער האט געדאווונט ראש השנה, האט ער יא געקענט זאגן הלל, ווייל ביי אים איז נישט געווען וואס דן צו זיין זיין טאטן **ישי**. ישי איז דאך געווען "מת בעטיו של נחש", ער האט נישט געהאט קיין שום שייכות מיט קיין עבירה, האט דוד המלך זיך געטראפן ראש השנה דאווענען איינער אליינס, אהן זיין טאטע, און אויב ער דאוונט איינער אליינס, דעמאלטס קען ער דאך יא זאגן הלל. ער טייטשט פון דעם דער פסוק, דוד המלך האט געזאגט, "יְשׁוּעָתְךָ אֱלֹהִים תְּשַׂגְּבֵנִי. אֲהַלְלָה שֵׁם אֱלֹהִים בְּשִׁיר", איך קען יא לויבן אפילו מיט הלל אויך, ווייל ער האט נישט קיינעם פון די עלטערן וואס מ'דארף מיטנעמען בשעת מ'איז אים דן.

לענינינו. מיר זעען פון דעם מורא'דיגן חתם סופר, **די געוואלדיגע התקשרות וואס מ'האט אין די טעג מיט די עלטערן, אין די פריערדיגע דורות**, ווי אלעס ארבעט צוזאמען. אבער מ'זעט דאך אויך ארויס אין דעם חתם סופר די ענין, ווי ווייט ס'פאדערט זיך, א יאר ענדיגט זיך, **פשוט צו לויבן דעם אייבערשטן אויף אלעס וואס איז דורכגעאנגען**. קען מען דאך אבער נישט זאגן קיין הלל, ווי די גמרא זאגט. אבער א **קאפיטל תהלים**, איבערהויפט ווען מ'זאגט "גאנץ תהלים", זאגט מען דאך דארטן די פסוקי הלל סיווי. (געווענליך אין די טעג וואס מ'זאגט יא הלל ביים דאווענען האט מען איןזינען נישט יוצא צו זיין די הלל ביי תהלים אז מ'זאל קענען מאכן מיט א ברכה,) אין די טעג קען מען איןזינען האבן **יא יוצא צו** זיין די הלל וואס מ'קען נישט זאגן כדי צו לויבן דעם אייבערשטן אויף אלע חסדים. און בכלל איז דאך תהלים אזא מין צוזאמשטעל פון לויבן און בעטן אויף איינמאל. ממילא אפשר די נישט לעבעדיגע ווילן עס נוצן פאר א **חלק התפלה**, אבער די לעבעדיגע קענען דאך איןזינען האבן די חלק ההודאה. איז די תהלים'ל די "בעסטע אויסוואל" פאר אזא זמן, וואס מ'דארף **אזוי סאך בעטן** און **אזוי סאך דאנקען** אויף אלעס וואס איז געווען, צו מקיים זיין "יתרועעו", מתפלל זיין אויף וואס ס'קומט, און "אף ישירו" לויבן אויף **א תהלים'ל**. דאס איז די בעסטע דבר השוה "לכל" נפש, פאר די **נפשות החיים והמתים**. מיט א תהלים'ל קען מען אנקומען די בעסטע אויסצופירן די עבודה פון די טעג.

## כח פון "זאגן גאנץ תהילים"

א שיינע מהלך קען זיין אפצולערנען די כח פונעם תהלים'ל, טאקע לויט די

וואכעדיגע סדרה פון דעם רש"י אז די אידישע קינדער שעפן פון דעם א כח נישט צו פארלוירן ווערן חס ושלום פון די שרעקעדיגע קללות.עס איז דא א באקאנטע טייטש וואס איז מקובל פון **כמה צדיקים**. דער הייליגער **אגרא דפרקא,** ברענגט עס "**קיבלתי**", (ער ברענגט נישט פון קיין נאמען דוקא פון וועלכן צדיק,) אז די עצה צו קענען ממתיק זיין אלע דינים, מבטל זיין אלע קללות, איז די כח פון **אויסזאגן גאנץ תהלים**. ס'איז מרומז אין פסוק. "**מי ימלל גבורות ה'**", "**ימלל**" איז א לשון פון **צורייבן**, אזוי ווי די לשון המשנה אין מסכת ביצה, "מוללין,מלילות", מ'צורייבט די זאנגען. ווער וויל **צורייבן** און **צוברעקלען** די **גבורות ה'**, די שווערע דינים, איז די עצה אויף דעם "**ישמיע כל תהלתו**". ער זאל זאגן "גאנץ תהלים," **אז מ'זאגט גאנץ תהלים מתחלתו ועד סופו, איז מען "מולל" מ'טוהט "צורייבן" די גבורות.**

באמת, דער ענין פון מוללין מלילות, צורייבן די דינים, קען מען אפשר אפטייטשן אויף צוויי וועגן. וואס מיינט מוללין מלילות? אז מ'וויל צורייבן די שאלעכץ, אז די שאלעכץ זאל אוועקפאלן און מ'זאל קענען צוקומען צו די אינעווייניג. ממילא לגבי די חלק פון די "שאלעכץ" איז "מולל זיין" עפעס וואס **מ'צורייבט** און **מ'ווארפט עס אוועק**. אבער מ'קען גיין נאך א וועג, מ'איז מולל מלילות, מ'צורייבט די זאנגען כדי **אנצוקומען צו די אינעווייניגע חלק פון דעם**. מ'וויל אנקומען צו די פרי אליינס, און דאס וועט מען עסן, און הנאה האבן. ממילא, לגבי די ענין פון "גבורת ה'" קען אויך ווערן ארויסגעברענגטביידע וועגן. ווען מ'רעדט דירעקט פון די **גבורות,** איז די ציל פון "**ימלל,**" **צורייבן** און **אוועקווארפן,** ס'זאל נישט בלייבן גארנישט. אבער מ'קען אבער אויך ארויסברענגען די צווייטע חלק, מ'וויל צורייבן די שאלעכץ, ווייל מ'וויל טרעפן די פרי פון אינעווייניג, די ציל איז צו טרעפן די "גוטע חלקים" וואס זענען באהאלטן, אז ס'זאל נתגלה ווערן.

די צוויי בחינות פון צורייבן די גבורות, איז ממש די ענין וואס מ'רעדט יעצט, וואס מ'האט קובע געווען אז פאר **ראש השנה** זאל מען ליינען די **תוכחה**. און שבת נאכדעם, די "**נצבים וילך**" איז געמאכט געווארן, ווי **תוספות** זאגט, צו מפסיק זיין צווישן די **תוכחה** און די **נייע יאר**. די תוכחה איז דאך אזא סארט זאך וואס כפשוטו זעט עס אויס עפעס וואס מ'וויל **אוועקווארפן,** וואס מ'וויל פטור ווערן פון דעם. דאס איז איין ענין פון מולל זיין, אפצורייבן די שאלעכץ און ווארפן די שאלעכץ צו מיסט. אבער לויט ווי די ספרים הקדושים זענען מגלה, ווי ס'שטייט אין **זוהר הקדוש,** איז דאס נישט נאר עפעס וואס מ'וויל פטור ווערן, ס'איז נישט נאר "תכלה שנה וקללותיה", נאר אדרבה מ'וויל **ארויסברענגען די באהאלטנקייט**, די באהאלטענע כוחות וואס בעצם איז עס **אוצרות פון ברכות.** ממילא לויט דעם איז דא די צווייטע ענין פון צורייבן די שאלאכטץ, אז מ'זאל **אנקומען צו די פנימיות.** מ'זאל נאך ארויסגיין מיט רווח, אז די גאנצע זאך זאל זיין איין כח גדול פון א מקור הברכה, צו קענען טרעפן די אלע ברכות וואס ליגן אין דעם.

וועלן מיר זען יעצט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף די גרויסע כח פון "**אויסזאגן גאנץ תהלים**". ווייל די תהלים'ל איז ממש אוועקגעשטעלט אינגאנצן לויט די ענין פון די תוכחה, דאס ארויסברענגען מיט א כח פון ברכות.

דא קומען מיר צו צו די ווערטער פון הייליגן **חתם סופר,** די ערשטע שטיקל אין פרשת נצבים. דער חתם סופר גייט מיט די יסוד וואס **תוספות** ברענגט אין **מסכת פסחים** פון **ירושלמי,** אז תהלים האט 147 קאפיטלעך, אזויווי די צאל יארן פון יעקב אבינו. מ'מוטשעט זיך וויאזוי עס שטימט די חשבון. אבער אזוי איז מקובל אז די מספר פון די מזמורי תהלים זענען קעגן די 147 יארן פון יעקב אבינו.

רש"י ברענגט אז די אידן האבן געהערט די 98 קללות פון פרשת כי תבא, און אויך האבן די אידן געהערט די 49 פון פרשת בחוקותי, האבן זיי זיך מורא'דיג דערשראקן. וואס איז די עצה אויף דעם? האסט א פחד פון **אכט און נייניציג** מיט **ניין און פערציג,** וויפיל קומט אויס אלעס צוזאמען? **הונדערט זיבן און פערציג!** דאס איז דאך פונקטליך די חשבון פון די פסוקי מזמורי תהלים, לויט דעם ירושלמי. דארף מען יעצט **בארואיגן אידישע קינדער.** ביסטו אזוי דערשראקן געווארן פון די אלע תוכחות? ווער נישט אזוי דערשראקן, **איך האב אן עצה פאר דיר, נעם דעם תהלים'ל.** וועסט אויסזאגן גאנץ תהלים, וועסטו אויפטון צוויי זאכן. וועסט אויפטון איין בחינה פון **מי ימלל גבורות ה',** אז מ'וועט **צורייבן** די שאלאכטץ, מבטל זיין אלע קללות, אלע דינים. אבער נישט נאר דאס, אויך די צווייטע פשט, **מי ימלל גבורות ה',** מ'וועט צורייבן די גבורות, אפשיילן די קליפה, און גאר טרעפן די פרי, און די גאנצע תוכחה וועט זיין די **גרעסטע מקור הברכות.** אין גאנץ תהלים איז די גרעסטע **תכלה שנה וקללותיה,** און די שטערקסטע כח פון **תחל שנה וברכותיה.**

## מיט'ן זיין יעקב'ס כח

מען קען עס נאך שטערקער ארויסברענגען מיט דעם, אז מען זעט ספעציעל אז מען רעכנט דא די מספר פון שנותיו של יעקב אבינו. ווייל ביי **יעקב אבינו** טרעפט מען במיוחד די כח פון איבערדרייען קללה לברכה.

אין **פרשת תולדות,** ווען יעקב אבינו האט מורא געהאט אז אויף דעם וואס ער האט אויסגענארט דעם טאטן, והבאתי עלי **קללה** ולא **ברכה,** האט די מאמע איהם געזאגט: **בארואיג דיך, ס'וועט גארנישט געשען.** און דערווייל, דעמאלטס האט מען באקומען די **שטערקסטע ברכות** פון **ויתן לך,** וואס יעדע מוצאי שבת הייבט מען דאך אן מיט די ברכות. איז יעקב אבינו געווען דער יסוד אז ווען ס'איז דא א "פחד" פון עפעס פון א "קללה," איז נישט נאר ס'איז **נישט** קיין **קללה,** נאר ס'איז די **שטערקסטע ברכה.**

דאס ברענגט דאך רש"י אין **פרשת בלק** אויפ'ן פסוק "מה אקב לא קבה קל," אז מ'זעט ביי אידישע קינדער אז אפילו דעמאלטס ווען זיי וואלטן אפשר

גערדארפט באקומען א קללה, באקומען זיי עס נישט, ברענגט רש"י די משל אזוי ווי ביי יעקב אבינו איז ער געקומען צו זיין טאטן, וכשנכנס אביהם במרמה אצל אביו היה ראוי להתקלל, און דערוויל שטייט **גם ברוך יהיה**. זעט מען דאך ביי יעקב אבינו די כח, איז דאך הערליך געבינדן מיט דעם וואס מ'האט פריער דערמאנט אז די כח פון ביטול הקללות ליגט אין די שעפסעלעך, לויט ווי רש"י ברענגט אויך אין פרשת פנחס אז די דריי בחינות פון **פרים אילים כבשים**, איז דאך די **אברהם**, **יצחק**, **יעקב**, און **כבשים** איז **יעקב**. **די יארן פון יעקב אבינו** איז מעורר די **כח פון יעקב אבינו**, אז מען האט נישט מורא פון א קללה,ווייל עס ווערט **גם ברוך יהיה**, און די כח פון יעקב אבינו זענען די "כבשים" פון יום טוב סוכות, וואס איז מהפך אלע קללות, אז ס'ווערט פאר אידישע קינדער נאר ברכות און השפעות טובות, און דאס אלעס **כאפט מען זיך אן מיט'ן תהלים'ל**, די שנותיו של יעקב אבינו.

## וואס וועט זיין מיט די "חסר שתים"

יעצט דארף מען צוקומען, צו דעם וואס מ'האט געשמועסט פריער אז די אידן האבן מורא געהאט פון די "חסר שתים." וואס מיינט עס צו זאגן?קען זיין פשט, מ'האט טאקע געהאט די ריכטיגע אמונה אז די כח התהלים וועט מסדר זיין די אלע קללות. אבער מ'האט דאך פונקטליך קמ'ז קאפיטלעך תהלים קעגן די אלע קמ'ז קללות. ממילא וואס וועט זיין מיט די חסר שתים? די צווי קללות וואס זענען נישט נכלל אין די חשבון, מיט וועלכע "**קאפיטל תהלים**" וועט מען ארבעטן, זיי צו מסדר זיין.(עיי"ש בחת"ם סופר ע"פ דרכו בקודש)

קען מען אפשר זאגן אז די תשובה אויף די שאלה גייט מיט דעם מהלך פון דעם הייליגן מעשה רוקח,לויט דעם וועט אלעס זיין נפלא מאוד.

דער מעשה רוקח שטעלט זיך אויף דעם ענין אז מ'רעכנט 147 קאפיטלעך תהלים קעגן די יארן פון יעקב אבינו, און למעשה האבן מיר היינט 150 קאפיטלעך. און וויאזוי שטימט די חשבון? איין חלק צו פארגלייכן די חשבון איז באקאנט, די גמרא זאגט שוין אז **אשרי** און **למה רגשו** הייסט איין קאפיטל. האלט מען שוין ביי 149. אבער וואס וועט זיין מיט די איבריגע צוויי? גייט דער מעשה רוקח (פרשת ויחי) מיט א מהלך וואס דער **אבן עזרא** ברענגט אין די **הקדמה** צו **תהלים**, אז ס'זענען דא צוויי קאפיטלעך תהלים וואס זענען נישט געזאגט געווארן דעמאלטס צוזאמען מיט אנדערע קאפיטלעך תהלים, נאר ס'איז געזאגט געווארן שפעטער. (דער אבן עזרא בלייבט נישט מיט דעם ער איז מפלפל שטארק אין די גאנצע ענין, אבער אזא מהלך ברענגט דער אבן עזרא.)

וועלכע צוויי קאפיטלעך? די ביידע קאפיטלעך וואס רעדן מיט אזא אפנקייט וועגן די חורבן בית המקדש. די קאפיטל ע"ט פון "באו גוים בנחלתך", און קאפיטל קל"ז, פון "על נהרות בבל", די זענען שפעטער נתחבר געווארן דורך די משוררים, און ס'איז צוגעלייגט געווארן צו תהלים. (פארשטייט זיך אז מ'דארף עס קענען אפלערנען מיט די ריכטיגע קלארקייט וואס דאס מיינט, אבער אזוי ברענגט דארטן די מעשה רוקח) קומט דאך אויס אזוי, אונז האבן מיר היינט הונדערט פופציג קאפיטלעך תהלים. באמת איז עס נאר הונדערט ניין און פערציג, ווייל אשרי און למה רגשו איז איינס. און פון די הונדערט ניין און פערציג האבן מיר צוויי קאפיטלעך וואס איז נישט עכט א חלק פון תהלים אייביג געווען, דאס איז אזויווי זייטיגע קאפיטלעך וואס זענען אינדרויסן פון די געוועגליכע סדר פון תהלים, אבער ס'איז **געווארן א חלק פון תהלים**.

לויט די מעשה רוקח האבן מיר א **מורא'דיגע תשובה** אויף די שאלה וואס אידישע קינדער האבן געשריגן. זאגן אידישע קינדער אזוי: אונז זענען מיר שוין בארואיגט געווארן, מיר האבן געהערט אלע קללות, פיין, **האבן מיר דאך א תהלים פאר דעם**, "מי ימלל גבורות ה' ישמיע כל תהלתו", מ'וועט צורייבן די קללות, ארויסברענגען די גוטע פירות, מ'וועט טרעפן אלע ברכות. אבער ס'איז דאך "חסר שתים", וואס וועט זיין מיט די צוויי, "גם כל חלי וכל מכה", וואס וועט זיין מיט דעם? אויף דעם איז די תשובה אז פונקט ווי ס'איז דא צוויי קללות וואס זענען אזויווי זייטיג, זיי זענען נישט אין די המשך פון אלעס, "אשר לא כתוב בספר התורה הזאת", האבן מיר צוויי ספעציעלע קאפיטלעך "ממש פאר דעם". מיר האבן אויך אין תהלים צוויי קאפיטלעך וואס זענען 'יא' און 'נישט' אין תהלים. "מזמור לאסף" און "על נהרות בבל", זענען זיי דאך ממש מכוון. אין די תורה איז דא צוויי אזעלכע "חדר שני'דיגע" ווערטער, אזעלכע צוויי זייטיגע קללות, און אין תהלים איז דא צוויי אזעלכע זייטיגע קאפיטלעך. איז ממילא, אז מ'זאגט דורך **דעם גאנצן תהלים**, מיט די קאפיטלעך צוזאמען איז מען **איינגאנצן מסודר**.

אידישע קינדער קענען זיין מיט א רואיגקייט, מיט א שטארקייט, אז אלעס **וועט נמתק ווערן לטובה**, ווייל אפילו אויף די "זייטיגע ווערטער" אין די תוכחה איז אויך דא "זייטיגע קאפיטלעך" תהלים, און הכל על מקומו יבוא בשלום וועט עס האבן די ריכטיגע שלימות, און אלעס וועט בטל ווערן, אלע קללות, און ס'וועט נאר זיין פאר אידישע קינדער כולו ברכות מיט די ריכטיגע אמונה, אין דעם כח פונעם תהלים'ל פון "ישמיע כל תהלתו".

## מעשה פון ר' אמנון בארואיגט

אפשר קען מען צולייגן א רמז, אויף די כח פון די פסוקי תהלים, די מספר 147, אז דאס איז ממש אלעס מבטל אלע תוכחות.

איינע פון די "שרעקעדיגסטע שטיקלעך" פון די דאווענען ראש השנה יום כיפור איז דאך די "**ונתנה תוקף**". דארט זאגט מען דאך ארויס ווי שרעקעדיג ס'איז די יום הדין, ווי אלעס ווערט אריינגענומען אין חשבון אויף אזא פחד'יגע אופן. אבער מ'טאר נישט בלייבן ביי די שרעק. די "חסידים" האבן נישט ליב געהאט, אז

מ'מאכט די גאנצע ראש השנה אז ס'זאל בלייבן די שרעק פון די ונתנה תוקף. וויאזוי איז מען עס מיישב אביסל?

מ'זעהט א זעלטענע זאך וואס איז כמעט נישט דא ביי אנדערע פלעצער. אז די **מחזורים**, ברענגען אראפ די גאנצע **מעשה** פון **ונתנה תוקף**, אז ס'איז נתחבר געווארן דורך רבי **אמנון** פון **מאגענצא ז'יע**. בדרך רמז, בדרך התבוננות, קען מען אפשר זאגן וואס די 'מעשה' אין "מחזור" לערנט אונז:

ווי באקאנט פלעגט דער **הייליגער רבי פון לובלין ז'יע** יעדע יאהר ראש השנה אדער **מוצאי יום כיפור**, זאגן פאר די גרויסע תלמידים, די מקורבים, וויאזוי ס'איז ארויסגעגאנגען זייער משפט, וואס האט זיי אנגעשריבן אויף די יאר וואס קומט. ס'איז געווען איין יאר וואס זיין גרויסן תלמיד, דער הייליגער רבי **ר' בונ'ם פון פשיסחא ז'יע** וואס אין די יונגע יארן איז ער דאך געווען א סוחר, האט אים דער הייליגער לובלינער געזאגט מוצאי ראש השנה, אז פאר דיר איז פארשריבן געווארן דאס יאר אז "דו וועסט אלעס פארלירן", דיין גאנצע פארמעגן, דו וועסט ווערן א גרויסער יורד ל'ע. ווען רבי בונם האט געהערט אזעלכע ווערטער, איז ער געווארן מורא'דיג צעבראכן. און פארשטייט זיך אז פון דעמאלטס און ווייטער האט ער מורא'דיג אסאך מתפלל געווען צום אייבערשטן אז דער אייבערשטער זאל אים אויפרעכטן, און צורייסן די גזירה.

די גאנצע השתלשלות איז אן אריכות, על כל פנים, במשך די ווינטער האט זיך געמאכט אהער און אהין, סך הכל איז געווען אז ער "האט זיך צוריקגעכאפט," און דערווייל איז פארקערט, ער איז גאר צוגעקומען יענע יאר צו א **גרויסע הצלחה** און **א גרויסע עשירות**. שפעטער איז ער צוריקגעקומען צום הייליגן לובלינער, און זיי האבן געשמועסט וועגן דעם ענין, אז דא האט דער רבי' געזאגט אז ער זעט אויף אים אז ער וועט נעבעך אלעס פארלירן דאס יאר, און דערווייל איז ער נאר צוגעקומען צו א גרויסע עשירות.

האט אים דער הייליגער לובלינער געפרעגט, "וואס האסטו געטון נאכדעם וואס איך האב דיר פארציילט די זאך? סתם ביסטו געבליבן אזוי און אנגענומען די מצב מיט א צעבראכן הארץ?" זאגט ער, "ניין, איך בין אריינגעגאנגען אין א שטוב און איך האב זיך אויסגעוויינט פאר'ן אייבערשטן, איך האב מתפלל געווען ס'זאל זיך טוישן." האט דער הייליגער חוזה פון לובלין געזאגט, **"פון אויסוויינען, פון דעם האבן מיר נישט געערעדט**. איך האב נאר געזען די פסק דין פון הימל אזוי ווי ס'איז יעצט, אבער מ'קען אלעמאל מתפלל זיין, זיך אויסוויינען צום אייבערשטן, און מיט אויסוויינען, דאס קען איך נישט זען. איך קען נישט זען **וואס מ'קען אלץ טוישן מיט אויסוויינען**."

לעניננו, מ'קען הערן אן ונתנה תוקף, אלע שרעקעדיגע זאכן, אבער מ'דארף אלעמאל געדענקען, **אונז האבן דאך אן עצה** אויף די אלע גזירות, **אונז קענען מיר זיך דאך אויסוויינען**, ס'איז דאך דא א תהילים'ל, **מיט א תהילים'ל קען מען זיך אלעס אויסבעטן**. בשעת וואס מ'זאגט דעם ונתנה תוקף און מ'כאפט א פחד, זאל מען אלעמאל געדענקען, מ'טאר נישט חס ושלום אריינפאלן אין א מרה שחורה און א יאוש, פארגעס נישט פון אונזער שטארקע געווער, די כח התהילים. בפרט, אז דער ענין פון תהילים וואס האט שייכות צו די מספר פון קמ'ז ווייל דאס ווייזט דאך אז אלע צרות, אלע דינים, אלע גבורות וואס איז נאר דא אין די תוכחה, ווערט דאך אלעס איבערגעדרייט דא לטובה.

דאס צו דערמאנען פאר'ן איד "בדרך רמז" ברענגט דער מחזור די מעשה פון ר' "אמנון":

פרשת וירא, דארט איז דאך די קריאה פון ראש השנה פון די עקידה, האט **קמ'ז** פסוקים. און דער בעל המסורה געבט א סימן אויף דעם **"אמנון"**. **אמנון** באטרעפט **קמ'ז**. אז מ'שטייט ראש השנה, און די קאפ ליגט אין **"פרשת וירא"**, מ'זעט דאס ווארט **"אמנון"**, מעג מען זיך דערמאנען פון די מספר הונדערט זיבן און פערציג. וואס איז די מספר פון די **"קאפיטלעך תהלים"**, דייקא אויף דעם אופן הרמז וואו די תהלים איז ממתיק אלע דינים לרחמים און צוברעכט אלע גבורות.

מ'פייערט טאקע אריין אין ונתנה תוקף מיט די גרעסטע פחד. אבער צו דעם ונתנה תוקף לייגט מען אבער צו גלייך **"אמנון"** - געדענק ווער דער מחבר איז געווען, געדענק נאכאמאל **"אמנון"**, געדענק ס'איז דא א תהלים'ל, א הונדערט זיבן און פערציג, מ'קען אלעס איבערדרייען, ימלל גבורות ה', צורייבן די קללות, און מאכן אלעס פאר ברכות. און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף און די כח פון די תהלים וועט מען נאר איבערדרייען אלע קללות און ארויסברענגען די פנימיות פון די תוכחה, אלע געוואלדיגע ברכות, **ותחל שנה וברכותיה**.


## להאזין ולהתענג משיעורי קול שיחתי

שיעורים קצרים מדי יום ביומו
ושיעורים מדי שבוע בשבוע



אמעריקע: 605-477-5551
ארץ ישראל: 073-388-6653
אייראָפּע: 44-333-070-6593



## פאר הערות, הוספות, נדבות, און באקומען דעם גליון אויפן אימעיל:

אימעיל:
machonsichoosi@gmail.com
טעלעפאָן:
605-477-5551,7